**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/24/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אויסשטעל פון נייע ארייגנאנגס פונקט צו מארשא פי. דזשאנסאן סטעיט פארק**

***באצירטע ארייגאנגס טויער צו אויפנעמען באזוכער צו קענט עווענו/נאָרט אכטע סטריט ארייגאנג***

***גאנציעריגע גארטן, לענדסקעיפ פלאנצונגען און נאך גרינע נאטור ערטער פארעהרן דזשאנסאן׳ס ליבשאפט צו דער נאטור***

***זעט מאלערייען [דא]()***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן די פרעלימינארע אויסשטעל פלענער פאר א נייע ארייגאנגס טויער צו מארשא פי. דזשאנסאן סטעיט פארק אין ברוקלין. דער פארק פארעהרט מארשא פי. דזשאנסאן, א טרענסדזשענדער פרוי פון קאליר וועלכע איז געווען א נחשון׳טע פון דער LGBTQ+ ציווילע רעכטן באוועגונג, געבוירן 77 יאר צוריק אין דעם היינטיגן טאג. די ארייגאנגס טויער וועט זיין דעם שפיץ פון א 16.5 מיליאן דאלערדיגע רענאוואציע פראיעקט פארענדיגט דעם זומער.

״מארשא פי. דזשאנסאן איז געווען א וועגווייזער וואס האט זיך אויפגעשטעלט פאר דאס וואס איז ריכטיג, אפגעפרעגט דעם סטאטוס-קווא, און געענדערט דער גאנג פון דער היסטאריע,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אצינד, בשעת מיר צייכענען אפ מארשא פי. דזשאנסאן׳ס געבורטס-טאג, וועט ניו יארק סטעיט ווייטער פארעהרן איר געשיכטע ביי דעם ניי-רענאווירטן סטעיט פארק, וואו מיר הייבן ארויס איר מודעה און טראגן עס פאראויס פאר נייע דורות באזוכער.״

דער באצירטער ארייגאנגס טויער ביי דער קענט עווענו/נאָרט אכטע סטריט ארייגאנג וועט אויפנעמען באזוכער צו דעם פארק. די דרייסטע און קונסטלערישע פארק ארייגאנגס טויער סטרוקטור איז מיט׳ן זינען צו קאמוניקירן מארשא פי. דזשאנסאן׳ס גייסט און לעגאט, און דערגאנצעט דעם פארק און דעם ארומיגן אומגעגנט. די פלאנירונג פון דער ארייגאנגס טויער וועט אנגיין ווייטער אריין אין הערבסט 2022 און דאס פאבריצירן וועט זיך אנהייבן אין 2023.

די ארייגאנגס טויער וועט בויען אויף ניי פארענדיגטע פארבעסערונגען וועלכע באשטייען פון ברייטע נייע לענדסקעיפ פלאנצונגען — ארייגערעכנט א גאנציעריגן גארטן פון היגע-אפשטאמיגע זגאלן און ׳מארשא׳ס בערגל׳ אויף אפצוצייכענען איר ליבשאפט פאר דער נאטור; א נייע גרויסער פעלד; טוצן נייעביימער; איינזאפנדע וועגלעך; נייע פארק מעבל; קביעות׳דיגע אויסטייטש פאנעלן וועלכע דאקומענטירן מארשא׳ס לעבן און שאפן און איר קאמיוניטי. נייע שילדן איבער׳ן גאנצן פארק; און א באדייטנדע גאנץ-ארטיגן שטורעם-וואסער פארוואלטונג סיסטעם צו פארבעסערן אפלויף לענגאויס דעם פארק.

פאריגעס יאר האט א סעריע פארבעסערונגען אריינגערעכנט א נייע פארק הויז מיט פובליק בית הכסא׳ס, א קלאסצימער און צוזאמקונפט ארט, און פארק אויסהאלטונג און רעינדזשער קאנטאקט ארט ווי אויך א גרינע דאך; א איבערגעמאכטע און צוטריטליכע שטיינערנע וועגל פון דער נאָרט 8׳טע אריינגאנג צו דעם פארק; פרעלימינארע אויסטייטש שילדן וואס פארעהרן מארשא פי. דזשאנסאן׳ס לעבן און ציווילע רעכטן ארבעט און קאמיוניטי; און איבערמאכטע צעמענטענע פראגראם פלאטפארמעס. דאס פארריכטן און פארקלענערן די צוזאמקונפט קישענעס און אנדערע הארט-לאנדשאפטן האבן געברענגט באלד אן עיקער פון נאך גרינע נאטור ערטער צום דעם זיבן-עיקערדיגן פארק. די פארבעסערונגען זענען געקומען נאך ברייטע באראטונג מיט די טרענסדזשענדער און LGBTQ קאמיוניטיס, געגנט פירער, מארשא׳ס פאמיליע און דער אלגעמיינער ציבור איבער דעם פארק אויסשטעל.

**סטעיט פארקס קאמיסיאנער עריק קולעסייד האט געזאגט,** ״אריינגעמיגקייט און אננעמיגקייט זענען צילן וואס מיר נעמען זיך צום הארצן ביי סטעיט פארקס. די נייע און פארבעסערטע ווערסיע פון מארשא פי. דזשאנסאן סטעיט פארק איז א גאר גוטעביישפיל פון וויאזוי מיר קענען אויפנעמען און זיין אפן צו יעדן, און צו אפשפיגלען די פארשידנארטיגע און פילפארביגע געשיכטעס פון די פילע מענטשן און ערטער אין ניו יארק סטעיט.״

**סטעיט סענאטאר ברייען קאוואנאה האט געזאגט,** ״די נייע אריינגאנגס טויער איז א פאסיגע כבוד צו דעם לעבן און לעגאט פון מארשא פי. דזשאנסאן, וועלכע האט געדינט אלס א פיאנער פאר ציווילע רעכטן, איבערהויפט LGBTQ+ רעכטן, און בלייבט אן אינספיראציע פאר פילע ניו יארקער, איבערהויפט טרענסדזשענדער מענטשן פון קאליר. עס איז מיין האפענונג אז א נייע דור באזוכער וועלן אריינקומען אין דעם הערליך-סטיליזירטן אריינגאנגס טויער, און דערמאנט ווערן איבער די ביישטייערונגען און מסירות נפש וואס מארשא פי. דזשאנסאן האט געגעבן פון זיך אויף צו פאראויס-פירן דעם צוועק פון אריינגעמיגקייט פאר יעדן און העלפן פירן ווייטער וואס זי האט אונז אויסגעלערנט. איך דאנק גאווערנער קעטי האוקול, קאמיסיאנער עריק קולעסייד, מיטגלידער פון ברוקלין קאמיוניטי באָורד 1, און, זעלבסט פארשטענדליך, די פריינט און פאמיליע פון מארשא פי. דזשאנסאן, וועלכע האבן געשפילט א וויכטיגע ראלע אין אנטוויקלען דעם פארק.״

**אסעמבלי-מיטגליד עמילי גאלעגהער האט געזאגט,** ״איך בין גאר שטאלץ אז אונזער נאָרט ברוקלין דיסטריקט איז דער היים ארט צו דעם הערליכן, פובליק וואסער-ברעג אפן-לופטיגע ערטער וואס פארעהרט דעם לעבן און שאפן פון מארשא פי. דזשאנסאן און די אנגייענדע גרענעגעל פאר שווארצע, קוויער און טרענס פרייהייט. אין דעם טאג וואס וואלט געווען איר 77׳סטע געבורטס-טאג, האט דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס אנטפלעקט א דורכגעטראכטע, דרייסטע סטיליזירונג אויפצונעמען שכנים און באזוכער צוגלייך צו דעם ווירקליך אייגנארטיגן ארט.״

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד לינקאלן רעסטלער האט געזאגט,** ״עס קומט זיך פאר יעדן זיך צו שפירן אנגענעם אין עפנטליכע ערטער ווי פארקס, און עס פריידט מיך זייער אז דער לעגאט פון מארשא פי. דזשאנסאן וועט ווייטער פארעהרט ווערן אין אונזער קאמיוניטי דורך דעם נייעם אריינגאנגס טויער.״

**ניו יארק סטעיט עקזעקיוטיוו טשעימבער געהילף דירעקטארין פון LGBTQ+ אנגעלעגנהייטן טשאנעל לאפעז האט געזאגט,** ״דאס איז א גאר היסטארישע צוזאמקונפט, א פארק געווידמעט פאר דער קאמיוניטי, דורך דער קאמיוניטי, און א נאמען געגעבן נאך א אומדערשראקענעם פירער. מארשא פי. דזשאנסאן איז געווען עמיצער וואס מיר האבן געהאלטן פאר א זייל אין אונזער טרענס קאמיוניטי פון קאליר, און עמיצער וואס האט אראפגעריסן מניעות פאר אונז צו קענען זען און הערן. מיר אנערקענען אייך! איך האף אז איר זענט שטאלץ מיט דער באוועגונג.״

**ניו יארק סטעיט עקזעקיוטיוו טשעימבער עדי ווינדסאר, מארשא פּי. דזשאנסאן, און סילוויע ריווערא LGBTQ פּעלאו דזשענאו פּרעזשער האט געזאגט,** ״עס איז נישט צום גלייבן צו זען א וואסער-ברעג פּארק א נאמען געגעבן אין עהרע פון א פּיאנער פאר שווארצע, קוויער און טרענס לייט. עס קומט זיך אונז שיינקייט און רואיגקייט אין אונזער לעבן, איבערהויפּט בשעת אונזער קאמיוניטי קעמפּט נאך פאר אונזערע רעכטן, און עס שפּירט זיך גאר באדייטנספול צו געפונען א היים ארט פאר דעם אין מארשא פּי. דזשאנסאן סטעיט פּארק. איך שפּיר זיך באשיידן צו פארעהרן איר לעגאט און איר צו זען פארעהרט אין איר פּארק!״

די איינריכטונג, פריער גערופן געווען ׳איסט ריווער סטעיט פּארק׳, איז א נאמען געווען פונדאסניי אין עהרע פון מארשא פּי. דזשאנסאן אין פעברואר 2020. באקאנט אלס א דרייסטע אדוואקאט פאר LGBTQ+ רעכטן און HIV/AIDS באהאנדלונג, איז מארשא געווען אן אנגעזעענע פיגור פון די סטאונוואל אויפשטאנד פון 1969 און שפּעטער אוועקגעשטעלט א שוץ-ארט אין ניו יארק סיטי צו שטיצן LGBTQ+ יוגנטליכע אפּגעווארפן דורך זייערע פאמיליעס. זי איז געבוירן אום אוגוסט 24, 1945, און געשטארבן מיסטעריעז אין 1992 אין עלטער פון 46.

זי איז געווען א גרונדער מיטגליד פון דעם ׳געי פרייהייט פראָנט׳, אן אקטיוויסט מיט ׳עקט אָפּ׳, און א מיט-גרונדער פון סטריט טרענסוועסטייט אקציע רעוואלוציאנערן (STAR) — שפּעטער א נאמען געווען פונדאסניי ׳סטראטעגישע טרענסדזשענדער פארבאנד פאר ראדיקאלע רעפארעם׳ (STARR) — אינאיינעם מיט סילוויע ריווערא. מארשא פּי. דזשאנסאן איז געבוירן אין ניו דזשערזי, און דערנאך זיך אריבערגעצויגן צו גרענוויטש ווילעדזש נאכ׳ן גראדואירן פון הויך-שולע. זי האט געמאכט פון אירע שוועריגקייטן און אירע ראנגלענישן מיט גייסטישע קרענק אקטיוויזם פאר אנדערע, אנטיילנעמענדיג אין דעמאנסטראציעס מיט ׳עקט אָפּ׳ און העכערן באוואוסטזיניגקייט פון דער HIV/AIDS עפּידעמיע אין ניו יארק סיטי.

דער זיבן-עיקערדיגן וואסער-ברעג פּארק וואס געפונט זיך לענגאויס דעם איסט ריווער אין דעם וויליאמסבורג געגנט פון ברוקלין טוט אנבאטן באזוכער א שטוינענדע בליק פון דעם מאנהעטען הימל-ליניע, א פארגעניגנדע שפּיל ארט, און די גרינע-נאטור ערטער וואס פארזארגט פילע געלעגנהייטן פאר פארוויילונג און רואיגקייט. אלס דעם ארט פון א 19׳טע יארהונדערט טראנספּארט דאק, קענען באזוכער צו דעם איסט ריווער אנטדעקן אייגנארטיגע היסטארישע איבערבלייבענישן ווי אלט שטיינערנע גאסן און באן רעלסן אריינגעזעצט אין צעמענט, ווי אויך אלס א פּאפּולערע הונט-געלויף און ביעטש. דער פּארק היט אפּ און באשיצט די פילע נאטורליכע און היסטארישע רעסאָרסן לענגאויס דעם הערליכן שטאט וואסער-ברעגע.

דער פּארק איז אומזיסט און אפן צום פּובליק, און ציעט צו זיך אומגעפער 1.6 מיליאן באזוכער יעדעס יאר. אין צוגאב צו די גרויסע בליקן פון דעם איסט ריווער און מאנהעטען, טוט דער פּארק אנבאטן היגע-אפּשטאמיגע פעלד פלאנצונגען צווישן די היסטארישע באן-הויף איבערבלייבענישן; פּאסיווע פארוויילונג; פּיקניק׳ן און בארבעקיו׳ערייען.

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פּארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפּהיטונג גיבט אכט אויף איבער 250 פּארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונגס וועגלעך, גאלף קורסן, שיף ארויספאר פונקטן, און מער, וועלכע ווערן באזוכט דורך 78 מיליאן מענטשן יערליך. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט www.parks.ny.gov, דאונלאד׳ט דעם אומזיסטן NY State Parks Explorer מאביל עפּ אדער רופט 518.474.0456. אויך, פארבינדט אייך אויף פעיסבוק, אינסטעגרעם און טוויטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן